**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט מער פון 20,000 טיקעטס ארויסגעגעבן דורכאויס סטעיט-ברייטע לעיבער דעי וויקענד אינפארסירונג

***טיקעטס ארויסגעגעבן פאר פארשידענע וויקעל און טרעפיק געזעץ פארלעצונגען***

***אינפארסירונג האט געצילט אומפעאיגע, נישט-וואכזאמע פארן, שנעל-פארן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז געזעץ ענפארסירונג אגענטורן האבן ארויסגעגעבן 20,714 טיקעטס פאר פארשידענע וויקעל און טרעפיק געזעץ פארלעצונגען, אריינגערעכנט 4,374 טיקעטס פאר שנעלער דרייוון און 966 טיקעטספאר דראג אדער אלקאהאל באווירקטע פארן דורכאויס א סטעיט ברייטע מאביליזאציע. די לעיבאר דעי וויקענד אינפארסירונג קאמפיין איז געלאפן פון אוגוסט 30 ביז סעפטעמבער 2, 2024, צו פארמערן פאטראלירונג צו צילן אומפארזיכטיגע און אומפעאיגע פארן. דאס און ענליכע אינפארסירונג צייטן זענען פינאנצירט פון גרענטס דורך די [גאווארנער'ס טרעפיק זיכערהייט קאמיטע](#).

"די אינפארסירונג צייטן זענען אזוי וויכטיג צו דערמאנען ניו יארק דרייווערס אז עס זענען דא קאנסעקווענצן פאר זייער שריט אויב זיי באשליסן אז זיי וועלן זיין אומפארזיכטיג אויף אונזער גאסן," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "איך לויב אויס די מענער און פרויען אין געזעץ אינפארסירונג וואס זענען אינדרויסן אונז צו האלטן פארזיכערט סיי אויב מיר זענען אונטערן רעדל אדער די פאסאנדשיר זיץ, און איך בעט דרייווערס צו פארן פארזיכערט און געדענקען אז איר זענן נישט די איינציגסטע אויפן גאס."

**אפטיילונג פון מאטאר וויהיקלס קאמישענער מארק דשעי. פ. שראודער האט געזאגט,** "אונזער מיסיע איז צו ראטעווען לעבנס און האלטן ניו יארקערס פארזיכערט אויף די גאסן. די ארבעט וואלט נישט געווען מעגליך אן אונזער געזעץ אינפארסירונג פארטנערס וואס ארבעטן אומערמידליך אוועקצונעמען נישט פארזיכערטע דרייווערס פון די גאסן און העלפן אונז זיך רוקן נענטער צו אונזער געמיינזאמע ציל פון עלימינירן עקסידענטן און וואונדן."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיווען דשי. דשעימס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די שטארקע ארבעט וואס איז אריינגעלייגט געווארן דורך אונזערע מיטגלידער און געזעץ אינפארסירונג פארטנערס וואס האט צוגעגעבן צו די הצלחה פון די אינפארסירונג. סיי צו ס'איז אומוואכזאמע פארן אדער אומפעאיגע פארן, איז עס געפארפולע פארן וואס נעמט אוועק לעבנס אומנויטיג. איך דאנק גאווערנאר האקול פאר איר געמיינזאמע איבערגעגעבנקייט און וויטערדיגע שטיצע אין פריארטיזין טרעפיק זיכערהייט. דורך אנגייענדע ערציאונג און אינפארסירונג, טוט די סטעיט פאליציי ווייטער פירן די מיסיע צו מאכן ניו יארק'ס גאסן מער פארזיכערט, דורך אנטמוטיגן, אויפכאפן, און ארעסטירן נאכלאזנדע דרייווערס."

**NYS שעריפס'ס אסאסיאציע פרעזידענט און דעלאווער קאונטי שעריף קרעיג דומאנד האט געזאגט,** "געזעץ אינפארסירונג בעט יעדעם צו פארן זיכער און נישט צו פארן אומפעאיג. מערסטנס דרייווערס פאלגן אויס אונזער ראט, אבער עטליכע נישט. פיל געפערליכע, אומוואכזאמע, אומפארזיכטיגע דרייווערס זענען אפגעשטעלט געווארן, געגעבן געווארן טיקעטס, און אראפגענומען געווארן פון גאס דורך געזעץ אינפארסירונג די לעיבאר דעי וויקענד. די שעריפס פון ניו יארק סטעיט בעטן דיר צו זיין פארלעסליכע און פארזיכערטע דרייווערס דורכאויס די חגאות, און יעדן טאג."

דאס איז די פולע צוטיילונג פון די פארלעצונגען און טיקעטס געגעבן דורכאויס די קאמפיין:

| פארלעצונג | צאל טיקעטס |
|---|---|
| זיך נישט אריבערוקן פאר עמערדזשענסי קארן | 192 |
| סיטבעלט | 824 |
| אומאויפמערקזאמע דרייווען | 514 |
| שיכור'ע דרייווען | 966 |
| ספידינג | 4,374 |
| אנדערע פארלעצונגען | 13,844 |
| **סך הכל** | **20,714** |

א גרויסער שטאנדטייל פון ניו יארק׳ס באמיאונגען צו באקעמפן אומפעאיגע דרייוו׳ען איז דער STOP-DWI פראגראם. STOP-DWI איז טייטש "ספעציעלע טראפיק אפציעס פראגראם פאר דרייוו׳ען פאר׳שיכור׳ט" (Special Traffic Options Program for Driving While Intoxicated). די סטעיט'ס STOP-DWI פראגראם איז די פאלק'ס ערשטע זעלבסט-קרעפטיגע אומפעאיגע דרייווינג פראגראם. די פראגראם׳ס באמיאונגען זענען פינאנצירט פון די שטראף-אפצאל סומעס געצאלט דורך אומפעאיגע דרייווערס וועלכע ווערן געפונען שולדיג. וויכטיג צו באטאנען אז דער פראגראם׳ס קאארדינאטארן באשטייען פון פארשידנמיניגע פראפעסיאנעל הינטערגרונדן, אריינגערעכנט געזעץ אינפארסירער און נישט-געזעץ אינפארסירער.

דער STOP-DWI פראגראם איז געשאפן געווארן צו באפולמעכטיגן קאונטיס צו קאארדינירן ארטיגע באמיאונגען צו רעדוצירן אלקאהאל און אנדערע דראַג-פארבינדענע טראפיק קראכן. אלע 62 קאונטיס האבן אויסגעוועהלט אנטיילצונעמען. געוויסע ביישפילן פון פראגראמען פינאנצירט דורך STOP-DWI זענען ספעציעל טרענירטע פאליציי איינהייטן געאייגנט פאר DWI אינפארסירונג, אויפנעמען ספעציעלע פראקורירער און פראבעישען אפיצירן צו באהאנדלען די קעיסלאוד, האלטן אן אויג אויף איגנישען אינטערלאק כלים, שטיצן רעהאביליטירונג סערוויסעס, און אנטוויקלען פובליק אינפארמאציע און בילדונגבס קאמפיינס געאייגנט פאר קאמיוניטיס אינערהאלב זייערע ראיאנען. צו לערנען מער, באזוכט [http://www.stopdwi.org](http://www.stopdwi.org)/.

אין צוגאב צו STOP-DWI, שטיצט דער GTSC טרענירונג פאר דראַג אנערקענונג עקספערטן ( Drug Recognition Experts, DRE). DRE׳ס זענען ספעציעל טרענירטע אפיצירן אויסגעניצט דורך געזעץ אינפארסירער ווען א דרייווער זעט אויס צו זיין אומפעאיג, אבער פאליציי האבן אויסגעשלאסן אלקאהאל אלס דער הויפט אורזאך פון אומפעאיגקייט. א DRE באקומט ברייטע טרענירונג וואס איז געווארן באשטעטיגט דורך דער נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע און דער אינטערנאציאנאלע אסאסיעשען פון פאליציי שעפס. די טרענירונג ערמעגליכט פאר אפיצירן צו אבזערווירן און דאקומענטירן צייכנס און סימנים פון אומפעאיגקייט אינערהאלב יעדע פון זיבן דראַג קאטעגאריעס אריינגערעכנט אומלעגאלע און פרעסקריפשען מעדיצינען.

פאר מער אינפארמאציע איבער GTSC, באזוכט https://trafficsafety.ny.gov/, אדער פאלגט נאך די GTSC שמועס אויף פעיסבוק און X.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן